י ה רבון עלם, אדון השלום,

דו ביסט דער קעניג, איבער אלע

מלכים,

דיין שטארקייט איז א וואנדער, פאר ייעדן באזונדער,

ווי שיין איז צו זינגען דיינע

שבחים,

## י ה רבון עלם

שבחין אסדר – ביי נאכט און צופרי׳,

לך אלקא צו דיר קודשא בריך הוא,

די ברא, די בריאה טוט ער אופרישן,

נייע מלאכים, עירין קדישין,

ובני אנשא, א בריאה חדשה,

ייעדע חי׳, ועופי שמיא,

אז מען טראכט דערין, רברבין,

ווי גרויס זענען, די זאכן, וואס דער בורא האט

געטוהן,

רברבין עובדך ותקיפין, ייעדען איינציג ברי׳, האט ער און זון,

ער איז משפיל דעם בעל גאה,

און דעם ארימאן, הייבט ער אוף פון טיפן,

מכיך רמיא וזקיף כפופין,

לו יחי׳ גבר, קען ער זיך נישט זיין משער,

אפילו ער זאל לעבן, טוזנט יאהר,

וועט ער קיינמאהל נישט פאר שטיין, וואס עס גייט פאר,

לו יחי׳ גבר, שנין אלפין,

וועט ער נישט האבען קיין השגה וואס דו האסט געטוהן,

אפילו א מענטש זאל זיין דער גרעסטער

בעל דעה,

לא ייעול גבורתך, לא ייעול גבורתך, בחושבניא.

## י ה רבון עלם

גבורן עלמין לי׳ – ולא סיפק פרישותי׳,

אלקא די לי׳ יקר ורבותא,

באשעפער מאך שוין פריי דיינע שאף די זיסע,

הער אונזער געשריי, מפום אריותא,

און מאך אונז שוין פריי מגו גלותא

נעם אונז ארויס מפום אריותא,

און לייז אונז שוין אויס מגו גלותא,

פרוק, פרוק, ית ענך מפום אריותא,

אריותא (2),

פרוק ית ענך,

לייז אונז אויס פונעם שווערן יאך,

מפום, פון דעם מויל, פון לייבן,

טוה אונז שוין אופהייבן,

אוי, פרוק לייז אויס דיינע שאף,
ווילאנג וועלן מיר נאך ליידן, דעם
גלות שטראף,
מפום אריותא, פון דעם לייבן גרוב,
און בוי שוין אוף דיין הייליג שטוב,
פרוק, פרוק, ית ענך מפום אריותא, אריותא (2),
ואפק ית עמך מגו גלותא (2),
עמך, אלע יודן גליך, זאלסטו זיין מחי׳ה,
גענוג שוין געווארט, עמך די בחרת,
מכל אומיא,

למקדשך תוב, ולקודש קודשין,
איך בעט פון הארצן טיף, למקדשך תוב,
וויל נאך ווי לאנג, וועלן מיר זיך מוטשען,
למקדשך תוב, ולקודש קודשין,
אתר, אתר, אתר, דעם היכל מיטן שער,
מען זאל שוין באפרייען, דעם הייליגן בנין
באנייען,
אתר, אתר, אתר, אתר די בי׳ יחדון,
רוחין ונפשין, רוחין ונפשין,
ויזמרון לך שירין ורחשין,
ויזמרון לך שירין, ווען וועט מען אונז אהין
פירן,
מיט זינגען שירה, וועט מען דיך באצירן,
בירושלים, און דעם האלטן היים,
וועסטו בוייען דעם בנין דער נייעם,
ונבנתה עיר, נאך שענער ווי פרייער,
קרתא דשופריא, קרתא, אוי קרתא,
קרתא דשופריא.